ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

## על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## תבא

**(חלק כט שיחה ב)**

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת תבא, י״ט-ז אלול, ה׳תשפ״ו (א)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2026
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# תבא ב

א. אין הלכות בית הבחירה[1] זאָגט דער רמב״ם: „כל אבן שנפגמה כדי שתחגור בה הציפורן כסכין של שחיטה הרי זו פסולה לכבש ולמזבח שנאמר[2] אבנים שלימות תבנה את מזבח ה׳״. און פירט אויס די הלכה: „וכן אבני ההיכל והעזרות שלמות היו״.

דערנאָך זאָגט דער רמב״ם[3]: אבני היכל ועזרות שנפגמו או שנגממו פסולין ואין להן פדיון כו׳ (און ערשט נאָכדעם זאָגט ער דעם דין פון פגימה במזבח לאחרי שנבנית, כדלקמן סעיף ב).

בפשטות לערנט מען אַז ב„אבני היכל ועזרות שנפגמו״ איז דער שיעור הפ־גימה אויך „כדי שתחגור בה הציפורן״ פּונקט ווי אין דער ערשטער הלכה ביי „אבן שנפגמה״ וואָס איז פסול לבנין הכבש והמזבח. און דאָס וואָס דער רמב״ם זאָגט ניט דעם שיעור אין דער הלכה, איז עס ווייל עס קומט בהמשך צו דער פריערדיקער הלכה, במילא איז ניט נויטיק צו איבער׳חזר׳ן דעם שיעור תיכף נאָכאַמאָל.

ס׳איז אָבער דאָ מפרשים[4] וואָס זיינען מדייק ניט אַזוי: פון דעם וואָס ביי די „אבני ההיכל והעזרות״ זאָגט דער רמב״ם נאָר „שלימות היו״ און זאָגט ניט (אין דער הלכה שלאח״ז) דעם שיעור פון חגירת הציפורן (ובריש דבריו שרייבט ער מפורש, אַז דער שיעור פגימה באבן (כדי שתחגור כו׳) פסל׳ט (נאָר) לכבש ולמזבח) איז מוכח, אַז ביי זיי איז דער שיעור ניט פאַרבונדן מיט חגירת הצפורן[5].

(און מ׳ברענגט אַ ראי׳ לזה: ביי די אבני ביהמ״ק שטייט מפורש[6], אַז זיי זיינען אויסגעהאַקט געוואָרן דורך אַ שמיר — און אין תוס׳[7] איז מבואר אַז דורך אַ שמיר קענען די אבנים ניט אַרויסקומען אינגאַנצן גלאַט אַז אין זיי זאָל אפילו ניט זיין קיין פגימה „כדי שתחגור בה הציפורן״)[8].

ב. נאָך די צוויי הלכות הנ״ל (ולאחרי וואָס ער זאָגט דעם דין פון „אבן שנגע בה הברזל . . והבונה כו׳״) זאָגט דער רמב״ם בהלכה בפ״ע[9]: אבן שנפגמה או שנגע בה ברזל אחר שנבנית במזבח או בכבש אותה האבן פסולה והשאר כשירות.

דערפון וואָס דער רמב״ם זאָגט אויך דאָ ניט קיין שיעור, ובפרט אַז ער איז מפסיק מיט „אבני היכל ועזרות שנפגמו כו׳״ וואָס (לפי המפרשים הנ״ל) באַ זיי

1) פ״א הי״ד.
2) פרשתנו כז, ו.
3) הלכה טו.
4) מים חיים (להפר״ח) על הרמב״ם כאן.

5) וממשיך (הפר״ח): ולא נתבאר בתלמוד כמה שיעור פגימתן ולפיכך לא הזכירו הרב.
6) גיטין סח, א־ב. סוטה מח, ב.
7) ד״ה וכמה — חולין יח, א (וש״נ) — הובא בכס״מ לרמב״ם הל׳ ביהב״ח כאן (וראה חידושים וביאורים מהיעב״ץ לרמב״ם שם פ״א הי״ג).
8) אמנם מתוס׳ שם בסופו (ובסוכה מט, א סד״ה שכל; זבחים נד, ב סד״ה אבנים) משמע, דגם באבני ביהמ״ק פסול בחגירת הצפורן — ראה שירי קרבן לירושלמי סוטה פ״ט הי״ג שהקשה על הפר״ח הנ״ל. וראה מנ״ח מצוה צה בתחלתה מש״כ בדעת הרמב״ם. אבל כדברי הפר״ח (במים חיים) כתב גם במהר״י קורקוס על הרמב״ם כאן (נדפס מכת״י ברמב״ם הוצאת שולזינגער נ.י. תש״ז, ובספר בפ״ע נ.י. תשל״ג).
9) הט״ז.

איז דער שיעור פגימה אַנדערש ווי פריער, איז משמע, אַז אויך באַ אבן מזבח לאחרי שנבנית במזבח, איז דער שיעור פגימה ניט דער זעלבער.

ואע״פ אַז בפשטות וואָלט מען געדאַרפט אָננעמען אַז ס׳איז דער זעלבער שיעור ווי אין דער ערשטער (געבראַכטער) הלכה, וואו דער רמב״ם זאָגט דעם שיעור „כל אבן שנפגמה כדי שתחגור כו׳ פסולה לכבש ולמזבח״ — יש לומר אַז עס איז דאָ אַ חילוק צווישן די אבנים ווי זיי שטייען לבנין המזבח או — לאחרי שנבנו:

וויבאַלד אַז דער פסול פון פגימה ווערט אָפּגעלערנט (ווי דער רמב״ם ברענגט) פון פסוק „אבנים שלימות תבנה את מזבח ה׳״ וואָס רעדט וועגן בנין המזבח[10], איז יש מקום לומר אַז אחר שנבנה המזבח איז דער שיעור הפגימה ניט דער זעלבער[11].

אמת טאַקע אַז אין גמרא[12] שטייט דער שיעור „כדי שתחגור בה הצפורן״ לגבי „פגימת המזבח״ — וואָס בפשטות רעדט זיך וועגן די אבני המזבח לאחרי שנבנו בהמזבח[13] —

אָבער פון דעם גופא וואָס דער רמב״ם איז דאָ משנה פון לשון הגמרא (כאָטש בדרך כלל איז ער מעתיק דיני הגמרא „כצורתם וכלשונם״[14]) און זאָגט דעם שיעור פון פסול פגימה „כדי שתחגור בה הציפורן״ דוקא בשייכות לבנין הכבש והמזבח, ע״פ הפסוק „אבנים שלימות תבנה את מזבח ה׳״ — און האָט ניט אויסגעשטעלט די דינים באופן אַז דער שיעור פון חגירת הצפורן זאָל כולל זיין בפירוש[15] אויך די אבנים לאחרי שנבנו בהמזבח ווי אין גמרא — איז משמע, אַז ביי די אבנים איז דער שיעור (לדעת הרמב״ם) ניט „כדי שתחגור בה הצפורן״.

ג. עס איז אָבער שווער צו אָננעמען חילוק הנ״ל בדעת הרמב״ם (אַז אבנים שלימות תבנה גייט נאָר אויף די אבנים לבנין המזבח), וואָרום דער רמב״ם ברענגט דאָך ניט קיין אַנדער לימוד אויף דעם פסול פון אַן אבן שנפגמה אחר שנבנית במזבח.

— דער רמב״ן[16] ברענגט אַז אויף די אבני מזבח לאחר שנבנו במזבח האָט מען טאַקע אַן אַנדער לימוד „וזבחת עליו את עולותיך ואת שלמיך וגו׳[17] וכי עליו אתה זובח אלא בזמן שהוא שלם ולא בזמן שהוא חסר״[18], ובלשונו „דאי מאבנים שלימות ה״א ה״מ בשעת בנין לכך נאמר עליו״.

און וויבאַלד דער רמב״ם (דאָ — בהל׳

10) ראה רמב״ן שהובא לקמן בפנים.

11) להעיר מהפירוש במפרשים (פי׳ הא׳ בחי׳ היעב״ץ להל׳ ביהב״ח כאן הט״ז. צפע״נ תרומות ד, ג. השלמה יח, א (נעתקו בצפע״נ המלוקט להל׳ ביהב״ח כאן)) בדברי הרמב״ם כאן, דזה שרק אותה האבן פסולה והשאר כשירות הוא דוקא כשנבנה בכשרות ונפגם אחר שנבנית במזבח, אבל בנאו מתחלה אפי׳ באבן אחת פגומה (שבהלכה יד) כולו נפסל כיון שנעשה בפסול.

12) חולין יז, סע״ב ואילך.

13) פרש״י חולין שם בסוף העמוד. וברגמ״ה חולין שם (יח, רע״א): כדי פגימת המזבח שאם הי׳ מזבח פגום נפסל מלהקריב עליו. וראה להלן בפנים (מרמב״ן) ובהערה 20.

14) יד מלאכי כללי הרמב״ם אות ה. וש״נ.

15) ובפרט שהפסיק ביניהם באבני היכל ועזרות אשר (לפי המפרשים הנ״ל) שיעורם שונה, וכנ״ל סעיף א.

16) חולין שם סד״ה וכולן פגימתן („וי״מ״). וראה גם ריטב״א חולין שם (יח, רע״א סד״ה כדי).

17) יתרו כ, כא.

18) לשון רש״י חולין שם יז, סע״ב — מזבחים נט, א (כמ״ש רש״י).

ביהב"ח) לערנט עס ניט אָפּ פון יענעם פסוק[19] דאַרף מען בפשטות זאָגן, כנ"ל, אַז אויך בנוגע די אבנים לאחר שנבנו במזבח איז דער מקור פון פסול פגימה פונעם פסוק[20] "אבנים שלימות תבנה את מזבח ה'", וואָס ער ברענגט אין דער פריערדיקער הלכה[21].

והדרא קושיא לדוכתא — פאַרוואָס זאָגט ניט דער רמב"ם דאָ דעם שיעור הנ"ל "אבן שנפגמה כשיעור זה" (וכיו"ב)[22].

וואָס דערפון איז משמע אַז דאָ איז ניט דער זעלבער שיעור?

ד. ויש לומר, דהנה ידוע, אַז (אויך) אין דעם שיעור "כדי שתחגור בה הציפורן" (בנוגע סכין של שחיטה) איז דאָ אַ שקו"ט ודיעות[23] אין דעם גודל השיעור, ביז אַז יש אומרים, אַז דער שיעור פון חגירת הצפורן מיינט אפילו אַ פגימה כל שהיא,

אָבער אפילו לויט די דיעות[24] וואָס זיינען מפרש (אין רמב"ם) אַז דאָס איז דער שיעור הכי קטן, אַ "כל שהוא"[25], אעפ"כ דערפון וואָס דער רמב"ם זאָגט דאָ ניט דעם לשון "כל שהוא"[26] וכיו"ב נאָר "כדי שתחגור בה הציפורן כסכין של שחיטה" איז מובן אַז דאָס מיינט דער רמב"ם מדייק זיין אַז דאָס האָט אַ שיעור מסוים[27].

וי"ל די הסברה בזה: דעם שיעור כל שהוא געפינט מען אין רמב"ם כמה פעמים, ולדוגמא: "יין שנתנסך לעכו"ם אסור בהניי' והשותה ממנו כל שהוא לוקה . . וכן האוכל כל שהוא מתקרובת עכו"ם מבשר או מפירות אפילו מים ומלח האוכל מהן כל שהוא לוקה"[28]. ועד"ז זאָגט דער רמב"ם אין הל' עבודה זרה לגבי ע"ז[29] ולגבי שלל פון עיר הנדחת[30].

דער ראָגאַטשאָווער[31] איז מוסיף לציין צום רמב"ם הל' שבת[32] וואָס דאָרטן

---

19) והביאו (הא דזבחים שם) רק בהל' פסולי המוקדשין (פ"ג הכ"ב — נעתק לקמן סוס"ז) לגבי הפסול דקדשים "שהיו שם שחוטין".

20) וכפשטות דברי רש"י חולין (יח, רע"א), הובא בתוס' סוכה מט, א רד"ה שכל — בתחלתו. וכהפי' ברמב"ן שם. חי' הרשב"א חולין שם ד"ה פגימת. וראה גם תוס' חולין יז, ב. פי' הרא"ש מדות פ"ג מ"ד. ריטב"א חולין שם.

21) ולהעיר ממאירי חולין שם שכתב הדרשה דאבנים שלימות לגבי הבנין ואח"כ ממשיך "ואף אם נפגמה בשיעור זה אחר הבנין נפסל".

22) ודוחק גדול לומר, שלא הוצרך לומר כאן שיעור הפגימה (הפוסלת) — כי החידוש בהלכה זו הוא (לא ד"אותה האבן פסולה" — שזה מובן מאליו מהלכה יד — כ"א) רק ד"השאר כשרות" (וראה בהנסמן לעיל הערה 11) — כי מפשטות לשון הרמב"ם משמע שבא להודיע גם דין זה ד"אותה האבן פסולה".

23) ראה ראשונים לחולין שם. נ"כ הטושו"ע יו"ד סי"ח ס"ב. וראה בפרטיות קו"א לשו"ע אדה"ז יו"ד שם. שו"ת הצ"צ יו"ד סט"ז ובפסקי דינים מא, ב ואילך (הנסמן עה"ג בשו"ע שם).

24) ראה דרישה (סק"א) ופר"ח (השלם — סק"ה) יו"ד שם. פמ"ג (משב"ז) שם סק"ב. פלתי סק"א. וראה שו"ת צ"צ שם.

25) ל' השו"ע שם. אלא שבשו"ע שם "ובלבד שתאגור בה כל שהוא אפי' חוט השערה", והוא מהרשב"א בתורת הבית בית א' שער ב. וראה בהנסמן בהערה 23, 24.

26) ובקרית ספר להמבי"ט הל' ביהב"ח כאן כתב "ובפגימה כל שהיא כחגירת הצפורן לא הויא אבן שלימה".

27) ובפרט שבהל' שחיטה (פ"א הי"ד. הכ"ג. וראה מ"מ להי"ד) לא כתב הרמב"ם דהשיעור פגימה בסכין הוא כדי שתחגור. וראה תבואת שור שם סק"ה־ו. צפע"נ הל' שחיטה שם (נעתק בצפע"נ (המלוקט) להל' ביהב"ח כאן). וראה המובא בלשד השמן על הרמב"ם הל' ביהב"ח כאן.

28) הל' מאכלות אסורות פי"א ה"א.

29) פ"ז הט"ו.

30) פ"ד ה"ז.

31) הל' מאכלות אסורות שם בסופו (צב, ד).

32) פי"ח ה"ה.

ברענגט דער רמב״ם כמה דברים וואָס דער איסור הוצאה שלהם איז „בכל שהוא״[33].

אמנם (לכאורה) איז דאָ אַ חילוק ביניהם, ובהקדם, אַז דעם גדר איסור כל שהוא קען מען לערנען אויף צוויי אופנים:

א) אַז דאָס איז אַ שיעור אין דעם באַשטימטן איסור — ס׳זיינען דאָ איסו־רים וואָס שיעורם בגרוגרות, בכזית כו׳ און אויך אַזעלכע וואָס זייער שיעור האיסור איז ב„כל שהוא״.

ב) ס׳איז אַן איסור שאין לו שיעור, און דערפאַר איז דער איסור „בכל שהוא״, — ניט בגדר שיעור[34].

ה. און דאָס איז דער חילוק פון גדר כל שהוא באַ איסור הוצאה בשבת און כל שהוא אין איסור ע״ז:

בנוגע להוצאה בשבת וואָס איסור הוצאה האָט בדרך כלל אַ שיעור איז מובן, אַז אָט די דברים וואָס איסורם איז בכל שהוא איז עס דערפאַר וואָס ביי זיי איז „כל שהוא״ אַ שיעור — צי ווייל אויך „כל שהוא״ פון די דברים איז חשוב מצ״ע, וע״ד „פלפל כל שהוא, עיטרן כל שהוא ריח טוב כל שהוא וכו׳״[35], אָדער דערפאַר וואָס „מצניעין אותם לגניזה״[35] — בני אדם זיינען מחשיב (מצניע) די דברים אויך אַ כל שהוא.

משא״כ בנוגע לעיר הנדחת ועד״ז בע״ז בכלל, וואָס אויף דעם שטייט[36] „ולא ידבק בידך מאומה מן החרם״[37], איז דער איסור פון „כל שהוא״ ניט דערפאַר וואָס „כל שהוא״ איז אַ גדר פון שיעור, נאָר ווייל ביים איסור ע״ז איז ניטאָ קיין שיעור — „מאומה״. ובלשון הרמב״ם[38]: כיון שאיסור זה משום עכו״ם הוא אין לו שיעור ונאמר בעבודת כו״ם ולא ידבק בידך מאומה מן החרם.

ו. עפ״ז יש לבאר אויך דברי הרמב״ם אין הל׳ ביהב״ח, ובהקדם:

ס׳איז ידוע[39] אַז ס׳איז ניט דרכו של הרמב״ם צו זאָגן בפירוש דינים מחוד־שים (מלבד די מקומות וואו ער זאָגט „ויראה לי״, וואָס מ׳געפינט זיי אין רמב״ם במספר מצומצם, כיוצאים מן הכלל[40]), אָבער בכ״מ איז ער משנה לשונו ומסדר דבריו באופן כזה, אַז מ׳קען פון דעם ארויסלערנען אַ חידוש בדין פרטי.

ועד״ז יש לומר בנדו״ד: מיט דעם וואָס דער רמב״ם איז מדייק צו זאָגן דעם שיעור פון פגימת האבן „כדי שת־חגור בה הציפורן״ דוקא בנוגע לבנין אבן במזבח ובכבש — אַנדערש ווי אין ש״ס, כנ״ל, און ביי „אחר שנבנית

33) וראה בהמשך דברי הצפע״נ הל׳ מאכא״ס שם.

34) י״ל הנפק״מ: בשיעור — גדרו שאפשרי שיוגרע; בכל שהוא — גדרו להיפך: כל שהוא. ונפק״מ כשנפל מהתערובה לתערובה שני׳ וכו׳. וראה פלוגתת הט״ז (יו״ד סצ״ב סקט״ז) והש״ך (נקודת הכסף שם). ועפ״ז אי״ז פלוגתא במציאות. וראה פמ״ג (משב״ז) שם. שו״ע אדה״ז או״ח סתמ״ז סט״ז. ואכ״מ.

35) ל׳ הרמב״ם הל׳ שבת שם.

36) ראה יג, יח. הובא ברמב״ם הל׳ מאכא״ס שם (ה״ב) כדלקמן בפנים (וכן בהל׳ ע״ז פ״ד שם).

37) ראה ציוני מהר״נ על הרמב״ם הל׳ מאכא״ס שם (ה״א).

38) הל׳ מאכא״ס שם ה״ב.

39) ראה יד מלאכי שבהערה 14.

40) מאה פעמים ועוד כתב הרמב״ם בספרו „יראה לי״ (נסמנו במבוא לרמב״ם צילום דפוס רומי רמ (ירושלים תשט״ו — ע׳ ו)) שאינו בערך לרבבות ההלכות שבספרו. ועוד ועיקר — בהנ״ל כולל גם מה שפסק והכריע כו׳, ובפנים מדובר ע״ד חידושי דינים.

במזבח" איז ער ניט מוסיף „אבן שנפגמה כשיעור **זה" וכיו"ב (און אויך דערמיט וואָס ער שטעלט אַריין צווישןביידע הלכות בנוגע אבני המזבח דעם דין פון „אבני היכל ועזרות שנפגמו או שנגממו פסולין כו'") —**

**איז ער מרמז (ומדגיש) אַז באַ „אבן** שנפגמה **כו' אחר שנבנית במזבח" קומט צו נאָך אַ פסול וואָס איז ניט פאַרבונדן מיטן** שיעור **„כדי שתחגור בה הציפורן כסכין של שחיטה", נאָר דער פסול איז ב„כל שהוא", בגדרי „כל שהוא" כנ"ל.**

**והטעם לחילוק זה: דער רמב"ם זאָגט אין הל' ביהב"ח אין דער הלכה שלאח"ז[41] „הנותץ אבן אחת מן המזבח או מכל ההיכל או מבין האולם ולמזבח דרך השחתה לוקה שנאמר[42] ונתצתם את מזבחותם וגו' לא תעשון כן לה"א". און וויבאַלד אַז דער איסור איז פאַרבונדן און קומט בקשר לע"ז**

**— און ווי דער רמב"ם איז מדגיש אין הלכות יסודי התורה[43]: „הסותר אפילו אבן אחת דרך השחתה מן המזבח או מן ההיכל או משאר העזרה לוקה שנאמר** בעבודת כוכבים **כי את מזבחותם תתו־צון[44] וכתוב לא תעשון כן לה"א" —**

**קומט אויס אַז דער איסור איז חל אויך ווען מען איז „נותץ" אפילו כל שהוא מאבן אחת מן המזבח וכיו"ב — און נותץ כל שהוא איז היינו פוגם (אפילו כל שהוא), און ווי עס שטייט אין אוה"ח[45] „שלא אמר בדיוק אבן אחת אלא שעושה בנתיצתו** רושם בבנין**"[46].**

**ז. ועפ"ז איז מובן דער חילוק צווישן אבן שנפגמה פאַרן איינגעבויט ווערן אין מזבח און כבש, און אבן שנפגמה כו' אחר** שנבנית במזבח **או בכבש:**

**דער פסול פון אבן שנפגמה קודם הבנין איז מצד דעם ציווי וחיוב „אבנים** שלימות תבנה **את מזבח ה'", אַז די אבנים דאַרפן זיין „שלימות" ביי דער בני' — און דערפאַר איז דאָ אַ שיעור אין דער פגימה, אַז דאָס זאָל זיין גענוג צו פאַררעכנט ווערן ווי אַ חסרון וקלקול אין „שלימות" האבן[47], און דער שיעור איז „כדי שתחגור בה הציפורן כסכין של שחיטה".**

**משא"כ אבן שנפגמה** אחר שנבנית **במזבח, וויבאַלד דאָס רירט אָן דעם ענין פון „לה"א", ס'איז „מזבח ה'", איז דאָס פאַרבונדן ניט נאָר מיט'ן חיוב פון „אבנים** שלימות תבנה **את מזבח ה'"[48] נאָר אויך מיטן גדר פון נתיצת המזבח, וואָס איז פאַרבונדן מיט „לא תעשון** כן **(ווי צו מזבח** דע"ז**) לה"א";**

---

41) פ"א הי"ז.

42) ראה יב, ג־ד.

43) פ"ו ה"ז.

44) תשא לד, יג (ועד"ז ואתחנן ז, ה). וצ"ע שאינו מביא הפסוק דראה — ובפרט שבהמשך ההלכה מביאו. וראה ספר המדע (ירושלים, תשכ"ד) מב' דפוסים, שהכוונה להפסוק דראה. ואכ"מ.

45) עה"ת ראה שם.

46) הובא במנ"ח מצוה תלז (מה, ב). ובהמשך לזה מביא מ„תוס' מכות (כב, רע"א) שכתבו גבי עצי הקדש דהשורף חייב אף שאינו שוה פרוטה ופשוט דה"ה א"צ שום שיעור כלל דעל כל שהוא חייב כו' דאיסורי ע"ז הוא בכ"ש ועז"נ לא תעשון וכו' וחייבים על כ"ש".

47) ולפ"ז מש"כ ברש"י חולין (הנ"ל הערה 20) „באבנא כל דהוא כדכתיב אבנים שלימות" (וראה רמב"ן, רשב"א וכו' שבהערה הנ"ל), אין הכוונה כל שהוא ממש — שלא בגדר „שיעור", כ"א „כל שהוא" לגבי השיעור דטפח או כזית שבפגימת „סיד" המבואר שם.

48) שבזה הוא המדובר בחולין (בשיעור כדי שתחגור בה הצפורן).

ובמילא איז כשם ווי ביי ע״ז איז דער איסור בכל שהוא, ניט אַ גדר שיעור כנ״ל, עד״ז איז די פגימה אין אבן שנבנית במזבח ניט בגדר שיעור, אפילו ניט אַ שיעור הכי קטן „כדי שתחגור בה הציפורן" (אפילו לויט די דיעות אַז עס איז אַ כל שהוא), נאָר אבן שנפגמה סתם, אָן קיין שיעור[*48], איז „אותה האבן פסולה"[49].

[ועפ״ז יש לומר אַז אויך בנוגע דאָס וואָס דער רמב״ם זאָגט ניט אַ שיעור ביי „אבני היכל ועזרות שנפגמו או שנגממו", איז עס ניט דערפאַר וואָס שיעור פגימתן איז גרעסער ווי „כדי שתחגור בה הציפורן" (כנ״ל ס״א), נאָר אדרבא, וויבאַלד אַז די אבנים זיינען געוואָרן אַ חלק פון היכל ועזרות[50] — איז דער איסור פגימה ניט בגדר שיעור, נאָר בכל שהוא[*50]].

ואע״פ אַז דער לאו ומלקות פון נתיצת אבן איז געזאָגט געוואָרן דוקא ביי פעולת האדם: הנותץ אבן אחת מן המזבח .. שנאמר .. לא תעשון כן לה״א, און נאָכמער — דוקא „דרך השחתה" — איז אָבער מובן אַז אויך די נתיצה (פגימה) הנפעלת אין דער חפצא, כשלעצמה, אפילו ניט דורך פעולת הגברא ובדרך השחתה, האָט אַ שייכות און איז ע״ד ווי בגדר ביטול ע״ז:

כשם ווי די מצוה פון „ונתצתם את מזבחותם גו'" באַשטייט ניט נאָר אין מעשה הניתוץ פון דעם גברא, נאָר אויך אין ביטול מציאותו פון „מזבחותם", עד״ז איז דאָס אויך בהאיסור פון „לא תעשון כן לה״א", אַז דער לאו ומלקות איז טאַקע אויף עשיית האדם, אָבער דער תוכן וגדר האיסור איז כולל און שולל יעדן אופן פון נתיצת האבן, אַז יעדע זאַך פון „מזבח לה' אלקיך" זאָל ניט ווערן נתוץ ובטל.

[ויש להוסיף בזה ע״פ דברי הצפע״נ[51] אין דעם גדר פון „לא תעשון כן לה״א", אַז דער חיוב דערביי איז ניט נאָר וואָס ער איז מפקיע די קדושה[52] פון דעם אבן, נאָר אויך וואָס עי״ז ווערט נפסל דער מזבח (אָדער עס ווערט אַ חסרון

*48) ואף ש„מזבח שנפגם מבניינו [היינו מסיד המזבח כו'] .. פחות מטפח כשר" (רמב״ם הל' ביהב״ח ספ״ב) — י״ל ע״פ מ״ש הריטב״א (חולין שם) ד„סיד שהוא מקובץ מדברים נפרדים וטבעו להפריד כל דהו כשמתיבש ואם אדם מקפיד בו הרבה לא תמצא מעולם מזבח כשר". וי״ל, דכיון שסיד אינו דבר שלם אלא מקובץ מדברים נפרדים, לא חל עליו גדר „פגימה" בפחות מטפח, משא״כ באבן דגם אם נפגם כ״ש הוי אבן פגומה. ועצ״ע.

49) אפילו את״ל (ראה לעיל ס״ב־ג) שלהרמב״ם גם באבני מזבח לאחרי שנבנית במזבח הפגימה היא „כדי שתחגור בה הציפורן", יש לומר, דזה גופא שלא כתבו מפורש בדין זה הוא, לפי שבאבני מזבח, זה שהפגימה פוסלת כדי שתחגור בה צפורן, הוא לא בגדר שיעור פגימה, אלא סימן על פגימה כל שהיא.

50) ועל דין זה לא קשה קושיית התוס' (דלעיל הערה 8) איך נבנה ביהמ״ק ע״י שמיר, כי דין זה באבני היכל כו' הוא רק לאחרי שנבנית, משא״כ בהשמיר שהי' לפני הבנין.

*50) אבל זה שהרמב״ם סתם (בהלכה יד) „וכן אבני ההיכל והעזרות שלימות היו" (וקאי על האבנים קודם שנבנו) — הוא לפי ששיעור פגימתן גדול יותר מ„כדי שתחגור בה הצפורן", דאל״כ איך בנו המקדש ע״י שמיר (כנ״ל ס״א מהפר״ח).

ועוד י״ל, שכאן לא הוצרך הרמב״ם לפרש השיעור, כי סמיך על מ״ש בתחילת הלכה זו (משא״כ הדין ד„אבני היכל ועזרות שנפגמו" שבא בהלכה בפ״ע). וראה מנ״ח הנ״ל הערה 8 (שתי' קושיית התוס' לדעת הרמב״ם).

51) הל' יסודי התורה שם. וראה גם מהד״ת לד, סע״ד. עד, ג. ועוד (נעתקו בצפע״נ המלוקט להל' ביהב״ח כאן).

52) וראה מנ״ח שבהערה 46.

אין דער עזרה כו׳)[53] —

איז עד״ז ביי „אבן שנפגמה . . אחר שנבנית במזבח״, זיינען דאָ די ביידע פרטים: סיי די הפקעת הקדושה פון דעם אבן — „אותה האבן פסולה״; און סיי דער ביטול פון קדושת מזבח בנוגע להקרבה[54], ווי דער רמב״ם זאָגט אין הל׳ פסולי המוקדשין[55] „שהרי אין שם מזבח לזרוק עליו ונאמר וזבחת עליו . . בתקונו לא פגום״[56].

(ומעין זה ועד״ז ביי „אבני היכל ועזרות שנפגמו או שנגממו״ שבהלכה טו)].

ח. דער ענין פון שיעור פגימת האבן לאחר שנבנית במזבח איז פאַרבונדן אויך מיטן נאָמען פון די הלכות — „בית הבחירה״[57]:

בית הבחירה איז דאָך ע״ש „המקום אשר יבחר ה׳״[58], און דער רמב״ם איז דערמיט מדגיש (ווי געדעדט שוין פיל מאָל)[59] אַז דער עיקר מעלת המקדש איז דאָס וואָס ער איז אַ „בית הבחירה״, בחירת הקב״ה:

ס׳איז ידוע[60] אַז אמת׳ע בחירה איז דוקא ווען דער אויסקלייב פון אַ זאַך קומט דורכאויס מצד בחירתו החפשית פונעם בוחר — ניט צוליב וועלכער ס׳איז מעלה וחשיבות וואָס איז דאָ אין דעם דבר הנבחר, און בכלל ניט צוליב וועלכע ס׳איז סיבות וטעמים ונטיות, וועלכע זיינען מכריח דעם בוחר.

וואָס מצד דעם קומען אַרויס צוויי ענינים:

א) ווען אַ מענטש קלייבט אויס אַ זאַך צוליב איר מעלה וחשיבות, איז מובן אַז די מדה ותוקף פון איר בחירה דורכ׳ן בוחר איז לויט דער מאָס פון איר מעלה און חשיבות;

ווען די בחירה איז אָבער ניט מצד מעלת הדבר, נאָר ווייל דער בוחר האָט אויסגעקליבן די זאַך בבחירתו החפשית, איז דאָס באופן אַז ס׳איז ניט פאַרבונדן מיט קיין מדה ושיעור (און במילא אויך אַן ענין תמידי).

ב) דערפון איז אויך פאַרשטאַנדיק אַז בשעת עס ווערט אַ חסרון אין דעם דבר הנבחר — איז אויב דער רצון ובחירה פון דער זאַך איז צוליב איר מעלה, ווענדט זיך דאַן אין דעם „שיעור״, אויף וויפל דער חסרון איז פוגם אין דער מעלת הנבחר; אָבער אויב די בחירה צו דער זאַך קומט מצד דעם בוחר, איז דעמאָלט ניטאָ קיין חילוק אין דעם שיעור החסרון — ס׳איז ניט די זאַך וועלכע ער האָט בוחר געווען.

53) ועיין בצפע״נ שם שעפ״ז מתרץ שינוי ל׳ הרמב״ם בין הל׳ יסוה״ת שכתב „הסותר״ ומוסיף „או משאר העזרה״, ובהל׳ ביהב״ח כ׳ „הנותץ״ ולא כתב „מן העזרה״.

54) ראה מאירי שבהערה 21, שמוסיף שם „(נפסל) כלו״.

55) נסמן בהערה 19.

56) ומטעם זה הוסיף הרמב״ם כאן בהט״ז „והשאר כשרות״, כי אף שאין שם מזבח לזרוק עליו, דהמזבח נפסל, שאר האבנים נשארו כשרות, ובמילא אפשר להכשיר המזבח ע״י חליפת אבן הפגומה. וראה בהנסמן לעיל הערה 11.

57) כן קוראם הרמב״ם, אף דלשון הכתוב שהביא לראי׳ (ריש הל׳ ביהב״ח) הוא „ועשו לי מקדש״ (תרומה כה, ח), ובעצמו כותב בכ״מ הלשון „(בית ה)מקדש״. וראה לקו״ש חי״ט ע׳ 143 ואילך; חכ״ד ע׳ 83 ואילך — ובהנסמן שם.

58) ראה יב, יא. וכן בפרשתנו כו, ב. ועוד. וראה לקו״ש חכ״ד שם (ע׳ 79 ואילך). וש״נ.

59) ראה לקו״ש שבהערה 57.

60) ראה לקו״ש חי״ז ע׳ 89 ואילך. וש״נ.

ט. ועפ"ז יובן אויך בנוגע לביהמ"ק: וויבאַלד אַז עיקר מעלתו של הבית איז דאָס וואָס ער איז „בית הבחירה", דער־פאַר איז אַ חסרון און פגם אינעם בית ניט פאַרבונדן מיט אַ שיעור, נאָר אפילו אַ משהו חסרון רירט אָן אין עיקר ענינו פון בית הבחירה.

ועפ"ז יומתק אויך וואָס דער ענין הנ"ל, אַז די פגימה איז בכל שהוא, איז מודגש בעיקר בנוגע למזבח (וכנ"ל וואָס דער רמב"ם איז משנה און זאָגט דעם שיעור „כדי שתחגור בה הציפורן" ניט (ווי אין גמרא) בנוגע „אבן אחר שנבנית במזבח", נאָר בנוגע אבן לבנין המזבח),

ווייל בנוגע למזבח[59] איז געווען אַ בחירה מיוחדת סיי בנוגע למקומו ווי דער רמב"ם[61] איז מדגיש במזבח „המזבח מקומו מכוון ביותר ואין משנין אותו ממקומו לעולם", סיי בנוגע דעם מזבח גופא[62] כמודגש אין פסוק[63] „וזה מזבח לעולה לישראל".

און ווי דער רמב"ם ברענגט אין אָנפאַנג הלכות בית הבחירה[64]ביידע פרטים פון פסוק „זה הוא בית ה' האלקים וזה מזבח לעולה לישראל", אַ באַזונדער דיוק ובחירה („זה") בנוגע דעם מזבח.

(משיחות ש"פ דברים תשד"מ)

---

61) הל' ביהב"ח רפ"ב. – וראה בארוכה לקו"ש ח"ל ע' 68 ואילך.

62) ראה לקו"ש חכ"ד שם ע' 83 הערה *38.

63) דה"א כב, א.

64) פ"א ה"ג.